LES CAHIERS YIDDISH

Revue culturelle publiée avec le concours du Centre National du Livre

# ייִדישע העפטן



## סערזש בליסקאָ,

דער פראַנצויזישער
דעפּוטאַט
וואָס רעדט ייִדיש

Serge BLISKO,
le député français
parlant le yiddish.

(photo Max K

n° 133

FEVRIER 2009 פעברואַר

prix : 5 eu...

# ייִדיש אין פֿראַנקרײַך

## INTERVIEW avec SERGE BLISKO

## אינטערוויו מיט
## סערזש בליסקאָ,

**דעפּוטאַט אין דעם פֿראַנצויזישן פּאַרלאַמענט, געוו. בירגערמײַסטער פֿון 13טן דיסטריקט פֿון פּאַריז.**

**אויפֿגענומען פֿון מאַקס קאַהן**, פּאַריז.
פּסיכאָאַנאַליסט, מאַקס-צוקערמאַן פּרײַז-טרעגער.

(צונויפֿגעשטעלט פֿון ק.ה.)

**מאַקס קאַהן:**
**דעם 1טן דעצעמבער 2008. געפֿינען מיר זיך אין דעם פֿראַנצויזישן פּאַרלאַמענט מיט סערזש בליסקאָ, דעפּוטאַט פֿון דער סאָציאַליסטישער פֿראַנצויזישער פּאַרטיי .P.S. ער רעדט ייִדיש.**

**• ווו און ווען זענט איר געבוירן געוואָרן? און פֿון וואַנען שטאַמען אײַערע עלטערן?**

**סערזש בליסקאָ:**
איך בין געבוירן געוואָרן אין דער שטאָט נאַנסי. כ'בין אַלט 58 יאָר. מײַנע עלטערן שטאַמען פֿון זשעלעכאָוו, אַ קליינער פּוילישער שטאָט, נישט ווײַט פֿון וואַרשע. אָנגעקומען זענען זיי אין די יאָרן 1930-32, אַלס יונגע מענטשן. כ'האָב געהאַט אַ ברידער, משה, וועלכן כ'האָב לעצטנס פֿאַרלוירן; ער איז געווען אַ דענטיסט.
מײַן ייִדישער פֿאָרנאָמען איז שלמה. מײַנע עלטערן זענען געווען אָרעמע מענטשן: דער טאַטע אַ באַאַמטע אין פֿאַרבן-ווירטשאַפֿט, געשטאַמט פֿון אַ משפּחה פֿון 6 קינדער; די מאַמע האָט געשטאַמט פֿון אַ טראַדיציאָנעלער ייִדישער משפּחה פֿון 12 קינדער. אָבער דער יונגער דור איז געוואָרן מער לינקס-געשטימט. ערשט אַלס בונדיסטן, זענען זיי געוואָרן "קאָמ.-בונד", אַ באַוועגונג מיט בונדיסטן און קאָמוניסטן וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן אין פּוילן אין יאָר 1926. אַ סך ייִדישע יונגנטלעכע פֿונעם באַוועגונג זענען דעמאָלט געפֿאָרן קיין סאָוועט-רוסלאַנד כּדי צו שאַפֿן קאָלכאָזן, ייִדישע קאָלכאָזן. כּמעט אַלע זענען דערשאָסן געוואָרן דורך די סטאַליניסטן אין יאָר 1930.
מײַן פֿאַמיליע איז געווען אַ לינקע, זייער טיף פֿאַרבונדן מיט ייִדיש. צווישן 1942 און 1943 איז אומגעבראַכט געוואָרן אין וואַרשע אַ העלפֿט פֿון מײַן פֿאַמיליע: פֿרויען, מענער, קינדער און זקנים.

**• ווי אַזוי האָבן געהייסן אײַערע עלטערן:**

מײַן טאַטע האָט געהייסן: זאַוועל, אין ייִדיש שמואל; די מאַמע: אסתּר עפּנער.

**• ווו זענען געווען די עלטערן בעת דער אָקופּאַציע פֿון פֿראַנקרײַך דורך נאַצי-דײַטשלאַנד?**
די עלטערן זענען געווען אין נאַנסי. אַ דאַנק אַ פּאָליציאַנט, האָבן זיי דורכגעלעבט די מלחמה. דער פּאָליציאַנט האָט באַקומען אַ באַפֿעל צו אַרעסטירן ייִדן. אָבער אַ טאָג פֿריִער האָט ער גענומען אַן איניציאַטיוו צו גיין אין הײַזער און ווינונגען ווו ס'האָבן געלעבט ייִדן. ער האָט זיי געוואָרנט: "מאָרגן אינדערפֿרי דאַרף איך קומען אײַך אַרעסטירן; לויפֿט אַוועק!"
פֿאַר זײַן מענטשלעכן צוגאַנג לגבי ייִדן האָט ער באַקומען די אויסצייכענונג פֿון "יד-ושם":
"JUSTE PARMI LES NATIONS" - "חסידי עומות העולם".

**• ווו זענען די ייִדן אַנטלאָפֿן?**

מיט דער הילף פֿון דער רעזיסטאַנץ (ווידערשטענדלער) האָבן אַ טייל זיך באַהאַלטן און די אַנדערע זענען געפֿאָרן אין דער נישט-אָקופּירטער טייל פֿון פֿראַנקרײַך, די אַזוי אָנגערופֿענע "פֿרײַע זאָנע", אין אַ שטעטל: קלויִ - CLUIS. די אײַנוווינער האָבן געגעבן פּראָטעקציע די ייִדן; דאָס איז געווען אַן אויסנאַם לגבי די אַנדערע אייראָפּעיִשע לענדער. כּדאַי צו דערמאָנען, אַז אין פֿראַנקרײַך, אין פֿאַרגלײַך מיט אַ סך לענדער, זענען 3/4 ייִדן געראַטעוועט געוואָרן.

←



Serge **BLISKO.** photo Max Kohn

**• איר זענט אַ דאָקטער? אַ "נאָרמאַלער" דאָקטער, נישט קיין ספּעציאַליסט?**

איך בין אַ נאָרמאַלער "זשענעראַליסט".

**• לאָמיר צוריקגיין צו אײַער פּאָליטישן לעבן.** ווען איך בין זיך געטראָפן מיט פרוי דאַניעל האָפמאַן-ריספּאַל, אַ דעפּוטאַטין, וויצע-פּאָרזיצערין פונעם פּאַרלאַמענט, האָט זי מיר געזאָגט, אַז דער איינציקער דעפּוטאַט וואָס רעדט ייִדיש זענט איר, סערזש בליסקאָ. האָט איר דער געלעגנהייט - אַלס אַ פּאָליטיקער, ווי אַ דעפּוטאַט - צו רעדן ייִדיש?

זייער ווייניק, צום באַדויערן. אוודאי נישט אינעם פּאַרלאַמענט. טיילמאָל מיט דעם אַלטן דור אין די 80קער יאָרן. איך געדענק, אַז מיט 20 יאָר צוריק האָב איך געהאַלטן אַ קאָנפערענץ אין ייִדיש אין אַ לינקן קרײַז בײַ די בונדיסטן אין פּאַריז. אַמאָל אין אויסלאַנד, פלעג איך רעדן ייִדיש.

**• וואָס האַלט איר וועגן דעם קיום פון ייִדיש? לעבט עס עפּעס נאָך, אָדערויז עס שוין אַלץ אָפּגעמעקט?**

ייִדיש איז שוין נישט ווי אַמאָל. מען לייענט, מען שטודירט, אָבער טאָג-טעגלעך רעדט מען נישט ייִדיש צווישן זיך. עס איז שוין נישט קיין מאַמע-לשון. איין מאָל אין יאָר באַטייליק איך זיך אין דער יזכּור-צערעמאָניע אויף דער בית-עולם פון באַניע; דעמאָלט געפינט זיך אַ גרעסערער עולם וואָס רעדט נאָך ייִדיש... איין מאָל אין יאָר.

■